Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Seyfer zikhroyneṡ

Psantir, Iacob
פסנתר, יעקב

Buḳaresht, 650 = 1889

מיתת דו" נשיקה

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

מיתת דוד המלך וועלן זיא זעהין אז דוד איז געשטארבען במיתה נשיקה ולא ע"י מלאך המות:

איפחית דרגא מתותיה אישתיק ונח נפשו

זאגט קלאר ארויס:

## מיתת די" נשיקה

אייב עס מעגליך איז זאלל מען מיינע אידעען בעקרעפטיגען דאס דוד מלך .ישראל מת במיתה נשיקה. אין יהושע בן נון משרת משה רבינו זאל אויך אנגעשלאססען ווערין אינטער דיא וואס זייער טויט ווערט גערעכינט במיתה נשיסה.

## נעקראלאגיע פין תורה נביאים כתובים על מיתות האנשים אשר מתי במיתות שונות.

דא שטעללען מיר פאר איינע סטאטיסטיקע;נעקראלאגיקע וואס אינזערע אלטע געשיכטע האט געשריעבען איבער דיא הויך געבילדעטע מעננער נאך מיט טויזענטער; יאהרען צוריק, אין וואס פאר איין ראללע זייא האבען געשפיעלט בא זייער לעבען אין דער דאמאלינער פאליטישער וועלט. דיא תורה האט אינז פארגע-שריעבען זייער לעבענסבעשרייבונג אונד זייערע טויטענפעללע. מיט וואס פאר איין מיני טויט איעדער איז געשטארבען. יעטצט זאל דאס ערסטע הייסען ביאגראפיע, אין דאס צווייטע נעקראלאגיע אין דארום האב איך פאר רעכט געפינען איך זאל צים ערסטען שטעללען איינע קורצע סטאטיסטיקע נעקראלאגיקע פאן דיא אלטע צייטען אונד דאן פין דיא יעצטיגע צייטען.

1. אינזער מוטער רחל איז געשטארבען אין קינדלבעט מיתה על פי מקרה.

פאליטישע מיתות.

2. נדב ואביהו
3. קרח מיט זיין סעקטע
4. עכן בן ברמי
5. פעלד-מארשאל סיסרא
6. אבימלך בן ירבעל
7. שאול המלך
8. איש בושת בן שאול
9. אבישלום בן דוד

10. אסא מלך יהודה
11. קעניגין איזבל
12. יהורם מלך ישראל
13. אחזיהו המלך אין זיין מוטער אתליהו
14. יהודע הכהן אין זיין זיהן זכריה הכהן
15. יואש המלך
16. אמציהו המלך בן יואש מלך יהודה
17. עזיהו המלך
18. יושיהו המלך
19. צדקיהו המלך.

אינזער מוטער רחל איז געשטארבען מיט זייער איין שווערין טויט פון אקינד האבען, אין אין מיטען וועג ניט אין קיין שטאט אין ניט אין קיין דארף. דיא תורה דערציילט אזוי: ותקש בלדתה ויהי בהקשתה בלדתה ותאמר לה המילדת אל תיראי כי גם זה לך בן ויהי בצאת נפשה כי מיתה ותקרא שמו בן אוני ואביו קרא לו בנימין ותמת רחל ותקבר בדרך אפרתה היא בית לחם ויצב יעקב מצבה על קברתה הוא מצבת קברת רחל עד היום:

אויף דעם וועג צווישען בית אל אין אפרת איין תחום שבת פון אפרת איז רחל אין קינדיל בעט געקומען אין זיא האט זייער שווער דאס קינד געווינען האט דיא העבאממע זיא געטרייסט אין איהר געזאגט דיא בשורה אז דאס איז אויך איהר זיהן אין איידער דיא נשמה איז איהר אויסגעגאנגען האט זיא איהם גערופען בן אוני אין יעקב האט איהם גערופען בנימין אין דארט אויף דעם וועג איז זיא געשטארבען אין יעקב האט איהר דארט געשטעללט איין מצבה צום אנדענקען. זיא איז געשטארבען מיט איין שווערין ביטערן טויט אין ניט מיט מיתה נשיקה (בראשית ל״ה פ וישלח)

נדב ואביהו זענין פארברענט געווארין אין פייער אזוי וויא דיא תורה זאגט: ויקחו בני אהרן נדב ואביהו איש מחתתו ויתנו בהן אש וישימו עליה קטורת ויקריבו לפני ה אש זרה אשר לא צוה אתם ותצא אש מלפני ה׳ ותאכל אותם וימתו לפני ה׳, זייא האבען גענעמען זייערע פייערפאנין אין האבען ארויף געלייגט רייכערווערק אין האבען ארויף געלעגט פרעמדעס פייער וואס גאט האט

זייא ניט געהייסען. דאמאלס איז ארויס איין פייער פון גאט אין האט זייא פארברענט, אין מיט אזוי איין טויט זענען זייא געשטארבען פאר גאט (ויקרא פ' שמיני).

## נעקראלאג פון קרח מיט זיין סעקטע.

מיט וואס פאר איין מיתה דער רעוואלוציאנער קרח איז געשטארבען ווייסט דיא גאנצע וועלט דיא תורה דערציילט אונז איין גאנצען נעקראלאג וויא אזוי דיא קריעג האט זיך אנגעפאנגען אין ביז צו דער ענדע מיר דארפען ניט דערפון אזוי פיעל שרייבען עס איז שוין איעדען בעקאנט דיא געשיכטע נאר דיא לעצטען פאר ווערטער וועלען מיר בעניצען צו דער זאכע.

ויהי ככלתו לדבר את כל הדברים האלה ותבקע האדמה אשר תחתיהם ותפתח הארץ את פיה ותבלע אתם ואת בתיהם ואת כל האדם אשר לקרח ואת כל הרכוש וירדו הם וכל אשר להם חיים שאולה ותכס עליהם הארץ ויאבדו מתוך הקהל וויא משה האט אויפגעהערט צו רעדען איז דיא ערד געשפאלטען געווארען אונטער זייא אין זייא זענען איינגעשלינגען געווארען קרח מיט זיין גאנצער סעקטע מיט ווייב אין קינדער מיט דיא הייזער מיט זייער גאנץ עשירות זענען פערזונקען לעבענדיג אין דער טיעפע דער ערדע אין דיא ערד איז צו געדעקט געווארען איבער זייא אין זייא זענען פארלוירען געווארין פון דער לעבענדיקער וועלט.

## נעקראלאג פון עכן בן כרמי מיט זיין גאנצער פאמיליע.

זייא זענען פאר משפט געווארין סקולי אין שרפה אין זייא זענען מיט אזוי איין פירכטערליכען טויט געשטארבען. זיין משפט געהט אזוי אויף דער ארט: ויאמר יהושע אל עכן בני שים נא כבוד לה' אלהי ישראל ותן לו תודה והגד נא לי מה עשית אל תכחד ממני אין יהושע זאגט צו עכן: מיין קינד זייא מודה פון גאטים כבוד וועגין אין זאג מיר וואס דיא האסט געטאהן, דיא זאלסט פאר מיר ניט לייקענין האט עכן געזאגט צו יהושע. — יאה איך בין שולדיג פאר גאט איך האב איבער געטרעטין דעם חרם אונטער דעם רויב האב איך געזעהין איין מלכית קלייד פון בבל

אין 2 הינדערט זילבער שקלים אונד איינע גאלדענע שטאנגע אין דער וואג פון פינפציג שקלים, האב איך דערצי גענגליסט אין איך האב דאס באהאלטען אין דער ערדע אונטער מיין געצעלט אזוי האט יהושע געשיקט אין מען האט דאס ריכטיג געבראכט אזוי האט מען דעם עכן בן כרמי מיט זיין גאנץ כני בית אויך מיט דיא בהמות אין אויך דיא גניבה אין מען האט זייא פערוואָרפען מיט שטיינער אין דער נאך פארברענט מיט פייער: (יהושע ז) דיא זענין געשטארבען מ"ט אזוי איין פירכטערליכער מיתה.

## געקראלאג פון דעם פעלדמארשאלל סיסרא, מיט וואס פאר איין טויט ער איז געשטארבען.

וסיסרא נס ברגליו אל אהל יעל אשת חבר הקיני ותצא לקרת סיסרא ותאמר אליו עירה אדוני סורה אלי אל תירא ויסר אליה האהלה ותכסהו בשמיכה. אין סיסרא איז אנטלאפען צי פיס פון זיין מיליטער אין דעם געצעלט פון יעל אשת חבר הקיני איז זיא איהם אקעגין געגאנגען אין האט איהם אריין גענעמין אין האט איהם צינעדעקט מיט איין רויכיקען מאנטעל, ער האט בא איהר וואסער געבעטען האט זיא איהם מילך געגעבען אין אז ער איז גיט אנשלאפען געווארען האט זיא גענעמין אנאגעל אין האט איהם אריין געשלאגען אין זיינע שלעפע דאריך אין דאריך ביז צי דער ערדע אין מיט אזוי איין טויט איז דער פעלדמארשאלל סיסרא געשטאר־בען (שופטים ד).

## געקראלאג פון אבימלך בן ירבעל.

אבימלך האט באלאגערט דיא שטאט תבץ אין האט זיא איינגענעמין, האבען דיא שטאטלייטע זיך באהאלטען אין איין טורם איז ער צינעגאנגען צי דעם טארם פייער געבען, האט איינע פרוי אויף איהם געווארפען איין שטיק מיחלשטיין אין האט איהם זיין קאפ צי בראכען האט ער געזאגט צי זיין געוועהר טרעגער ער זאל דיא שווערט אין איהם אריין שטעכען, מען זאל ניט זאגען אז איין פרוי האט איהם געהארגיט (שופטים סוף קפיטיל 9) מיט אזוי איין טויט איז דער אבימלך געשטארבען.

## נעקראלאג איבער שאול המלך זיין טויט.

ופלשתים נלחמים בישראל (שמואל א ל א)

אין דיא פלשתים האבען געפיהרט איינע פירכטערליכע מלחמה מיט ישראל, אז דיא יודען זענין געצווינגען געוועהין צי אנטלויפען פאר דיא פלשתים ווייל פין דיא יודען זענין זייער אסאך געפאללען אויף דעם בארג גלבוע אין דיא פלשתים זענין נאכגעלאפען שאול המלך אין האבען איהם געטראפען מיט זיינע 3 זיהן וויא שאול האט געזעהין אז זיינע 3 זיהן זענין טויט, אין דיא מלחמה איז אויף איהם שווער. האט ער מורא געהאט טאמער פאלט ער אין זייערע הענד אריין לעבענדיג וועלין זייא פין איהם שפעטין האט ער געזאגט צי זיין געוועהר טרעגער: צי ארויס דיין שווערט אין שטעך אין מיר אריין, איך זאל ניט פאללען לעבענדיג אין זייערע הענד אריין האט דער געוועהר טרעגער מורא געהאט דאס צי טהין, האט שאול גענעמין זיין שווערד אין איז אויף איהר געפאללען אין געהארגיט געווארין. וויא דער געוועהרטרעגער האט דאס געזעהען איז ער אויך געפאללען אויף זיין שווערד אין איז אויך געהארגיט געווארין. אין דעמזעלבען טאג איז געשטארבען שאול המלך מיט זיינע 3 זיהן אין מיט זיין גאנצער לייבגארדע. אויף דעם אנדערן טאג זענין געקימען דיא פלשתים אפ ציהען דיא הרוגים האבען זייא געפינען שאול המלך מיט זיינע דרייא זיהן טויט אויף דעם בארג גלבוע האבען זייא אבגעשניטען שאולין דעם קאפף אין אויך דיא געוועהרע אין האבען דאס ארים געשיקט אויף זייער גאנצען לאנד זיך צי בארימען מיט דער מלחמה, אין שאולס קערפער מיט זיינע דרייא זיהן האבען זייא אוועק געפיהרט אהיים דיא אללע כלים מיט דיא געוועהרע האבען זייא אנידער געלייגט צום אנדענקען אין דעם געצין בילדהויז אשתרות אין דיא פיער קערפער האבען זייא אויפגעהאנגען אויף דער מויער בית שן.

וויא דיא איינוואהנער פין יבש גלעד האבען גיהערט וואס דיא פלשתים האבען געטאהן זענין זייא געגאנגען באנאכט אין האבען דיא פיער קערפער אראב גענעמען אין האבען זיי געבראכט קיין יביש אין דארט האט מען דיא קערפער געריינגט פין דעם שמוץ אין מען האט פארברענט דיא בגדים וואס

די קערפער זענין געוועהין איינגעוויקעלט (*) אין די ביינער האבען זיא באגראבען אינטער איין בוים דארט אין יבשה אין זייא האבען געקלאגט אין געפאסט 7 טאג נאך די הרוגים.

## נעקראלאג פין איש בושת שאול המלך זיהן.

דער מלך איש בושת האט געקעניגט צוויא יאהר אין זיינע צווי גענערעלע רכב אין בענה זענין אריינגעגאנגען אין זיין שלאפ־צימער ווען ער האט געשלאפען אין האבען איהם אבגעשניטען דעם קאפף אין האבען איהם אוועק געפיהרט צ'א דוד המלך. (שמואל ב ד) דער איז מיט אזוי איין טויט געשטארבען.

## געקראלאגיע איבער דעם טויט פין אבישלום בן דוד.

דער מענטש איז אויף אזוי איין ארט געשטארבען אין אזוי פאנגט אן זיין נעקראלאג.

ויקרא אבשלום לפני עבדי דוד ואבשלום רוכב על הפרד ויבא הפרד תחת שובך האלה הגדולה ויחזק ראשו באלה ויתן בין השמים ובין הארץ והפרד אשר תחתיו עבר. אין די קנעכט פין דוד המלך האבען געטראפען אבשלום רייטען אויף איין מויל אייזעל אזוי איז אבשלום פאר זייא אנטלאפען דארוך דעם וואלד אפרים אין דאס מוילטהיר איז געקימען אינטער די צווייגען פין איין גרויסען אייכענבוים. דא איז ער ערגריפען ווארדען בא די האר פין זיין קאפף אן די צווייגען פאן דעם אייכענבוים אין דאס מוילטהיר איז אוועק געלאפען איז ער געבליעבען הענגען בא די האר צווישען הימעל אין צווישען דער ערד אין דער לופט אין איין מאנן פין דוד פארטייא האט דאס געזעהין האט ער דאס געמעלדעט זיין הויפטמאנן יואב בן צריה האט ער אליין גענעמען דרייא שפיסען אין האט זייא אריין געשטאבען אין זיין הארצען דארוך אין ער האט נאך געלעבט אין געהאנגען אויף דער אייכע אזוי זענין צינעשפרינגען צעהין קנעכטע. וואבס וואפענטרעגער אין האבען איהם געהארגיט אין האבען איהם אריין געווארפען אין איין גראסען גריב וואס עס איז געוועהין אין דעם וואלד אין האבען אויף איהם ארויף געווארפען איין גרויסען הויפען שטיינער

(*) וישרפו אותם שם (שמואל א סוף ל"א) זאל הייסען איין מין באלזאמירען אזוי וויא מען פלעג אין יענע צייטען באלזאמירען די מלכים עיין שם רש"י.

מיט אזוי איין מין טויט איז אבשלום בן דוד געשטארבען. חאטש דוד האט אהן געזאגט אללע דרייא גענערעלע אין הויפטלייטע דיא וואס זענין געגאנגען אין דער מלחמה אריין אקעגין אבשלום אז מען זאלל איהם ניט אהן ריהרען האט יואב בן צריה ניט געפאלגט דעם באפעהל פון דוד המלך.

## נעקראלאג פון אסא מלך יהודה.

אויף זיין עלטער איז ער קראנק געווארין אויף זיינע פיס רק לעת זקנתו חלה את רגליו וישכב אסא עם אבותיו ויקבר עם אבותיו בעיר דוד אביו (מלכים א ט"ו) דער איז געשטארבען פון איין געשווילעכין פון דיא פיס ביז צים קאפף ויחלא אסא בשנת שלשים ותשע למלכותו ברגליו עד למעלה חליו וגם בחליו לא דרש את ה' כי ברופאים (דברי הימים ב ט ז).

## נעקראלאג פון דער קעניגען איזבל דיא הונד האבען זיא אויף געגעסין

ויבא יהוא יזרעאלה ואיזבל שמעה ותשם בפוך עיניה ותיטב את ראשה ותשקף בעד החלון ויהוא בא בשער ותאמר השלום. זמרי הורג אדניו. וויא דיא מלכה איזבל האט געהערט אז דער מלך יהוא געהט קיין יזרעאלה האט זיא זיך שעהן פארצירט איהר קאפף אין ארים געמאלט ארים דיא אויגען אין האט זיך אנידער געשטעלט ארויס קיקען דאריכען פענסטער וויא דער מלך יהוא איז ציגעקימען צום פענסטער זאגט דיא קעניגען איזבל: ווילסטו שלום מיט מיר מאכען דען; דאס וואס דיא האסט געהארגיט דיין הערר איז קיין חידוש ניט זימרי הרג אדוניו דענן זימרי האט אויך געהארגיט זיין הערר אלה בן בעשא. האט ער אויפגעהויבען זיין פנים צי דעם פענסטער מי אתי מי ווער איז צווישען איך מיט מיר. צי היילפען מיר. וישקיפו שנים שלשה סריסים האבען אראפ געקיקט צי איהם צווייא דרייא באדיענער. ויאמר שמטוה האט דער מלך געזאגט ווארפט זיא אראפ צי דער ערד וישמטוה האבען זיא דיא באדיענטע אראפ געווארפען ויז מדמה אל הקיר ואל הסוסים אין עס האט געשפריצט דאס בליד פון איהר אויף דער וואנד אין אויף דיא פערד וירמסנה אין האבען זיא צעטרעטען נאך דעם

מיטטאגסמאהל האט דער מלך יהוא געזאגט בארעקט דאך דיא פארפלוכטע פרויא אין באגראבט זיא דענן זיא איז איין קעניגס אטאכטער. וויא מען איז געגאנגען זיא נעמין צים באגראבען האט מען פין איהר מעהר ניט געפינען נאר דעם קאפף אין דיא פים אין דיא הענד אין דעם איבעריגען גוף האבען דיא הונד אויף גע־געסין. דאס איז אויך איין שענער טויט פין איינע קעניגין (דער מצודת דוד זאגט, כי רוב הגוף אוכלו הכלבים). (מלכים ב ט).

## נעקראלאג פין יהורם מלך ישראל.

יהורם מלך ישראל איז געשטארבען מיט איין געפעהרליכער קרענק דיא נעדערים זענין איהם ארויס פין יאהר צי יאהר אללע מאל נאך שטארקער: ואתה בחליים רבים במחלה מעיך מן החולי ימים על ימים אחרי כל זאת נגפו ה׳ במעיו לחולי לאין מרפא ויהי לימים מימים וכעת צאת הקץ לימים שנים יצאו מעיו עם חליו וימת בתחלאים רעים ולא עשו לו עמו שרפה כשרפת אבותיו בן שלשים ושתים היה במלכו בירשלים וילך בלא חמדה ויקברהו בעיר דוד ולא בקברת המלכים. אין גאט האט איהם געשלאגען אין זיינע נעדערים מיט דער קראנקהייט אהנע היילונג אין דאס איז געשעהין פין יאהר צי יאהר אין נאך ענדע פין צווייא יאהר זענין ארויסגעגאנגען זיינע נעדערים בא זיינער קראנקהייט אין ער איז געשטארבען אין בייזען קראנקהייטען אין זיין פאלק האבען איהם ניט געמאכט קיין פארברענונג אזוי וויא מען פלעג מאכען פיר זיינע עלטערין ער איז אוועק געגאנגען פין דער וועלט אהנע אגליסטיגקייט דאס הייסט ער האט קיין נחת רוח ניט געהאט פין דער וועלט וויל ער איז געוועהין איין גרויסער בעל יסורים אין מען האט איהם באגראבען אין דער שטאט פין דוד אין ניט אין דיא באגרעבעניש פין דיא מלכים (דברי הימים ב כא)

## נעקראלאג פין אחזיהו המלך בן יהורם אין זיין מוטער דיא קעניגען עתליהו:

אחזיהו בן יהורם איז געווארען קעניג בא זיין פאטערס לעבען וויל זיין פאטער איז געוועהין זעהר איין געפעהרליכער קראנקער

מענטש אזוי וויא מיר האבען אויבען געשריעבען. לפי שהיה אביו נגוע בתהליאים קשים (עיין שם רש"י) דעם אחזיהו האבען זייא געחאפט אין שמרון ער איז געוועהן דארט באהאלטען אין האבען איהם געבראכט צי דעם מלך יהוא בן נימשי אין ער האט איהם גע־הארגיט אין ער האט איהם געהייסען באגראבען אין ירושלים.

ועתליהו אם אחזיהו ראתה כי מת בנה ותקם ותדבר את כל זרע הממלכה לבית יהודה. וויא עתליהו האט געזעהען אז איהר זיהן איז געהארגיט געווארין האט זיא אויסגעהארגיט דיא גאנצע משפחה לבית יחודה זיא האט געוואלט אויסראטען אז עס זאלל איין מענטש ניט בלייבען פין זרע בית דוד. דער תרגום רב יוסף זאגט וקמת וקטלת ית כל זרעא דמלכותא דלאנש בית יהודה גאט האט אבער ניט געוואלט אז דיא זאמען פין דוד המלך זאל פארלוירען געהין, ותקח יהושבעת בת המלך את יואש בן אחזיהו ותגנוב אותו מתוך בני המלך המומתים ותתן אותו ואת מינקתו בחדר המטות ותסתירידו יהושבעת בת המלך יהורם אשת יהוידע הכהן כי היא היתה אחות אחזיהו מפני עתליהו ולא המיתתהו. אין יהושבעת דיא טאכטער פין מלך יהורם, דיא פרויא פין יהודע הכהן זיא האט אוועק גענאנביט איין קליין קינד פין אינטער דיא אנדערע קינדער וואס זיא האט וייא פארסאמט יואש בן אחזיהו ער איז אלט געוועהן איין יאהר איהם מיט זיין אממע אין האט זייא באהאלטען אין שלאפצימער פין קדשי קדשים רש"י זאגט בעזרה בחדר שכיבת הכהנים. תרגום רב יוסף זאגט בקודש קדשיא אין דארט אין בית המקדש זענין זייא געוועהין באהאלטען 6 יאהר אין דיא עתליהו איז געוועהין קעניגין איבער דעם גאנצען לאנד אין האט געטאהן וואס זיא האט געוואלט.

דאס קינד איז אלט געווארין 7 יאהר האט יהוידע הכהן צי זאמען געריפען אללע גרויסע מעננער דיא אנשים חשובים פין דעם גאנצען לאנד אין האט זייא געזאגט אז עס איז געקיטמען דיא צייט אז דיא זרע מליכה פין דוד המלך זאל קימען אויף דעם טראהן פין דוד המלך זענין זייא אללע באשטאנין האט מען ארויס־גענעמען דאס קינד פין זיין באהעלטיניש, ער איז אלט געוועהין 7 יאהר אין מען האט איהם אריין געפיהרט אין בית המקדש אין מען האט איהם געזעצט אויף דער קעניגליכער שטיהל אין מען

האט איהם אנגעטאהן דיא קעניגליכע קרוין; אין מען האט גע־שריגען; יחי המלך דער מלך זאל לעבען ווי דיא קעניגין עתליהו האט דאס געהערט איז זיא אריין געלאפען אין בית המקדש אין האט אויף זיך צעריסען דיא קליידער אין האט געשריגען: איהר האט זיך אויף מיר איין בונד געמאכט יהוידע הכהן האט באלד געשאפט דיא גענערעלער איבערן חיל אז מען זאל זיא ארום רינגלען אין מען זאל זיא ארויספיהרען פון דעם בית המקדש אין דרויסען אין דארט זאל מען זיא הארגענען, אזוי האט מען זיא בא דיא הענד ארויס געפיהרט אין דארט האבען זייא איהר אבגע־שניטען דעם קאפ. מיט אזוי איין טויט איז דיא קעניגין עתליהו געשטארבען. (דברי הימים ב כ"ב כ"ג).

## געקלאג איבער דעם טויט פון יהוידע הכהן אין זיין זיהן זכריה הכהן.

ויזקן יהוידע וישבע ימים וימת בן מאה ושלשים שנה במותו ויקברהו בעיר דוד עם המלכים כי עשה טובה בישראל ועם האלהים וביתו (עיין מצודת דוד), אין יהוידע הכהן איז געשטאר־בען אין דער עלטער פון 130 יאהר אין מען האט איהם באגרא־בען צווישען דיא מלכים אין זיינע צייטען איז זייער גוט געגאנגען דעם לאגר מען האט גערייניגט דיא געצין בילדער דיא גאנצע מדינה האט זייער שטארק געהאלטען מיט דעם אלטען יהוידע הכהן ער איז נאר געשטארבען האבען זייא זיך אומגעקעהרט צום געצען דיענערייא אין האבען זיך נאך גענעמען דיא פריערע נא־ציאנען ורוח אלהים לבשה את זכריה בן יהוידע הכהן מיט איין רוח נביאה פון גאט איז בעקליידעט געווארין זכריה הכהן אין ער האט זיך ארויף געשטעללט אויף איין הויעך ארט אין האט גע־שריגען מיט איין הויעכער שטיממע אזוי האט גאט געזאגט איהר וועט ניט מצליח זיין וייל איהר האט גאט פארלאזט אזוי וועט גאט אייך אויך פארלאזען. האבען זייא זיך אללע געמאכט איין בונד מיט באפעהל פון מלך יואש אין האבען איהם געהארגיט אין הויף פון דעם טעמפעל. פאר דעם גוטס וואס זיין פאטער יהוידע הכהן האט אין איהם געטאהן דערפאר האט ער געהארגיט זיין זיהן זכריה. אין זיין שטארבען האט ער געזאגט גאט זאל דאס

זעהין וויא מען הרגיט מיך איבער זיין שליחות ער זאל פארשטין מיין בליט אין זאל נעמין איין נקמה פין זייא (עיין מצודת דוד). יעצט מיינע ליעבע לעזער זאלען דאס אין אכט נעמין דיא בעצאהלונג פין איין אונשולדיגעז מאנן. זיין פאטער יהודע הכהן איז געוועהין אזוי איין עהרענמאנן אין האט אזוי פיעל גיטס געטאהן דעם לאנד אין איז געשטארבען מיט איין נאטירליכען מענטשין טויט אין איז באגראבען געווארען מיט גרויס עהרע בקברות המלכים. אין זיין זיהן ,כריה וייל ער האט זייא געזאגט דעם אמת אין פין זייער טובה וועגין, האבען זייא איהם פארווארפין מיט שטיינער ביז ער איז געשטארבען מיט איין ביטערן בארבארישען טויט (דברי הימים ב כג כד).

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין יואש המלך.

דער מלך יואש האט אין גאנצין פאר ווארפין דיא גיטע וועגען פין יהודע הכהן אין גאטים דיענסט, אין אז ער האט נעהארגיט זכריה הנביא האט ער זיך פאראייניגט מיט דיא אללע געצינדיענער ער האט אבער אסאך ניט גערויערט, פין דעם טאג אהן וואס ער האט געהארגיט זכריה הכהן אין ביז צים יאהר האט גאט אויף איהם אהן געשיקט דאס חיל פין ארם אין מען האט גערויבט גאנץ יהודה וירושלים. אין דעם קעניג יואש האבען זייא צערבראבען זיינע ביינער אין האבען איהם געלאזט מיט שווערע קרענקען אויף זיין בעט ליעגען.

ואת יואש עשו שפטים ובלכתם ממנו כי עזבו אותו במחליים רבים. אין דאס איז נאך ניט גענוג געוועהין וואס ער איז געלעגען אין ביטערע יסורים קראנק צישלאגען אויף זיין בעט האבען זיך איין קשר געמאכט זיינע באדינטע ויהרגהו על מטתו אין זייא האבען איהם געהארגיט אויף זיין בעט אין אזוי איז ער אויך געשטארבען אין גרויסע יסורים אין מען האט איהם ניט באגראבען בקברת המלכים. (דברי הימים 2 24)

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין אמציהו בן יואש מלך יהודה.

ומעת אשר סר אמציהו מאחרי ה׳ ויקשרו עליו קשר בירושלים וינס לכישה וישלחו אחריו לכישה וימתיהו שם וישאהו על הסוסים

ויקברו אותו עם אבותיו בעיר יהודה אין פין דער צייט אהן וואס אמציהו האט אבגעטרעטען פין גאט (עיין שם רש"י) האבען זיך געמאכט איין בונד אויף איהם אין ירושלים אז מען זאל איהם הרגינען, איז ער אנטלאפען קיין כיש (אכאסיניע) האבען זייא איהם נאכגע-שיקט קיין כיש אין האבען איהם דארט געהארגיט אין איהם ארויף געלעגט אויף דיא פערד אין האבען איהם געבראכט צו דער שטאט יהודה אין דארט האבען זייא איהם באגראבען נעבען זיינע עלטערין דער איז געשטארבען במיתה הרוגה. (דברי הימים ב סוף כ ה)

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין עוזיהו המלך.

עוזיהו המלך איז געגאנגען אין בית המקדש אריין אין האט געוואלט מקרב זיין קטורת אויף דעם מזבח אזוי איין דיענסט וואס עס געהער צו דיא כהנים האבען דיא כהנים ניט געלאזט. ער האט אבער דיקא געוואלט מקרב זיין דיא קטורת אויף דעם מזבח איז ער באלד קרעציג געווארען אין מיט דיא קרעץ איז ער געשטאר-בען ויהי עזיהו המלך מצורע עד יום מותו וישכב עזיהו עם אבותיו מיט אזוי איין טויט איז געשטארבען דער מלך עזיהו (דברי הימים ב כ ו)

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין יאשיהו המלך.

יאשיהו המלך איז פארוואנדעט געווארען אין דער מלחמה מיט פרעה נכו אין איז געשטארבען אין שווערע יסורים אזוי זאגט דער פסיק וירו היורים למלך יאשיהו ואמר המלך לעבדיו העבירוני כי החליתי מאד ויעבירהו עבדיו מן המרכבה וירכיבהו על רכב המשנה אשר לו ויוליכהו ירושלים וימת.

דיא בויגען ווערפער האבען געשאסען פיילען אויף דעם מלך יאשיהו האט דער מלך געזאגט צו זיינע קנעכט פירט מיך איבער פין דעם רייטוואגען ווארין איך בין זייער קראנק האבען זייא איהם איבערגעפיהרט אויף דעם אנדערן רייטוואגען אין האבען איהם אוועק געפיהרט קיין ירושלים אין ער איז באלד געשטארבען. ויקבר בקברות אבותיו אין איז באגראבען געווארען נעבען זיינע עלטערין וכל יהודה וירושלים מתאבלים על יאשיהו אין אין גאנץ יהודה אין ירושלים האבען געטרויערט אין געקלאגט אויף יאשיהו אויך ירמיהו הנביא האט געקלאגט אויף דעם מלך יאשיהו ווייל ער

איז געוועהן גיט צו גאט און צוא לייט. און ערשטין צו גאט איז ער געוועהן שטייט אזוי ויסר יאשיהו את כל התועבות מכל הארצות אשר לבני ישראל ער האט אוועק געשאפט אללע אונווירדיגקייטען פון דיא יודישע לענדער דאס חייסט דיא געצין בילדער און איעדער האט געמיסט דיענען גאט. אפילו דיא פרעמדע וואס זייא האבען זיך געפינען צווישען ישראל כל ימיו לא סרו מאחרי ה׳ אלהי אבותיהם און אלע זיינע טעג פון יאשיהו האבען דיא ישראל ניט אבגעקעהרט פון גאט פ״ן זייערע עלטערין ער האט זייא געמאכט איין פסח מיט איינע גרויסע פאראדע. דער פסוק דערצייעלט אזוי ולא נעשה פסח כמוהו בישראל מימי שמואל הנביא וכל מלכי ישראל אזוי איין פסח איז ניט געמאכט געווארין צווישען ישראל פון דיא צייטען פון שמואל הנביא אהן און אונטער אלע מלכי ישראל. עיין שם רש״י (דברי הימים ב ל ד ל״ה).

## נעקראלאג איבער דעם טויט פון צדקיהו המלך.

און דער צייט איז שוין געוועהן דיא יודישע מליכה אונטער דיא פרעמדע קעניגע, אזוי האט דער צדקיהו מורד געוועהן אין מלך בבל ויעל עליהם את מלך כשדיים איז דער מלך כשדיים ארויף געגאנגען קיין ירושלים מיט גרויסער מאכט און האט גע־משפט דיא ישראל מיט דער שווערד און מיט פייער אזוי וויא דער נביא ירמיה דערציילט אונז. דעם מלך צדקיהו האט מען געהאפט לעבענדיג מיט זיינע קינדער. וישחט מלך בבל את בני צדקיהו לעיניו וגם את כל שרי יהודה שחט ברבלתה (אנטיאכיע) ואת עיני צדקיהו עור ויסריהו בנחשתים ויבאהו מלך בבל בבלה ויתנהו בבית הפקידת עד יום מותו.

און דער מלך פון בבל האט געקוילעט דיא קינדער פון צדקיהו פאר זיינע אויגען און אלע גרויסע מעניר פון שבט יהודה און אויך דיא סנהדרין האט ער אומגעבראכט און אנטיאכיה און דיא אויגען פון צדקיהו האט ער בלינד געמאכט און האט איהם געבינדען אין קיפערנע קעטען און האט איהם אוועק געפיהרט קיין בבל און דארט האט ער איהם אריין געזעצט אין איין תפיסה הויז ביז אין טאג פון זיין טויט און דארט איז ער געשטארבען ביסורים קשים (ירמיה נ״ב).

ענדע נעקראלאגיע מין התורה.

איינע פראגע איז דא צו בעמערקען צו וואס האבען מיר געדארפט שרייבען אזעלעכע טויטענפעללע וואס איז שוין געשריעבען אין אינזערע הייליגע ספרים נאך מיט טווינציג יאהר צוריק. איינס איז צו ווייזען אז איך האב קיין נייעס ניט איינגעטאהן, נאר וואס דענן איז דער חילוק. די תורה האט געשריעבען נאר פון דעם הויכען שטאנד פון מלכים ושרים. און מיר שרייבען פון אלטע ארימע לייטע. דאס איז אבער דערפאר, ווייל איך בין איינער פון די ערשטין גרינדער דעס פעראיינס בתי מחסה לזקנים. און איך בין ניט אבגעשטאנין פון מיין ארבייט ביז אין היינטיגען טאג. דאס ערשטע געלד האב איך געזאממעלט אויף דעם פלאץ וואס מען האט צום ערשטין געקויפט. און איך האב ר׳ וואלף מיכאלאוויטש געמאכט פאר קאסירער אום דאס פאראיין זאלל ניט פאללען. און איך האב מיינע אלטע ביינער ניט געשוינט ביז איך האב געזעהין אויסגעבויעט די הייזער און אריין גענעמין אלטע מענטשין. און איך האב די אלטע לייט צוגעזעהין אזוי וויא אפאטער זיינע קינדער אויך בא זייער קרענק און אויך בא זייער טויט אזוי וויא מיינע ליעבע לעזיר ווערין זעהין אין דער געשיכטע פון דעם צווייטען טהייל דייטליך באשריבען מיט געדריקטע דאקומענטע. דארום איז די געשיכטע בא מיר הייליג. און דערפאר האב איך פערגלייכט די אלטע לייטע וואס זענין געשטארבען אין אינזער אזיעל צו די מלכים ושרים וואס אינזער הייליגע תורה האט מיר אהן געוויזען.

---

## נעקראלאגיע פון די אלטע לייט וואס זענין געשטארבען אין בוקארעסטער אזיעל.

### שנת תרמ״ב 1881.

1. באבע פאיע ראם נפטרה עשרה בטבת שנת תרמ״ב ונקברה י״ב בו 20 דעצעמבער 1881 בת שמונים לימי חיה.

די באבע פאיע איז געוועהין די ערשטע וואס מען האט זיא אויפגענעמען אין בתי מחסה לזקנים און די ערשטע וואס זיא איז געשטארבען אין אינזער אזיעל. די באבע פאיע איז געוועהין איינע קארפאלענטע פרויא הויך געוואקסען און דיק אים קערפער און פעטט אויף דעם לייב, זיא איז תמיד געוועהין ריין געקליידעט